בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון פ"ב / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת בלק / תמוז תשפ"ה

## הרה"ק ר' שלמה מקארלין זצ"ל

### כ"ב תמוז

הרה"ק ר' שלמה בן הרה"ק ר' מאיר זצ"ל. ער איז געווען א תלמיד חבר פון הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין זצ"ל.

### מעלה אלע ניצוצות

ר' אהרן הגדול איז געווען א תלמיד פונעם גרויסן מגיד זצ"ל, האט ער געזאגט אמאל פארן גרויסן מגיד, אז ער האט ביי זיך אין שטאט א תלמיד, וואס יום הקדוש ביינאכט, ווען ער איז זאגט דעם פסוק 'ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ', לאזט ער נישט איבער קיין איין ניצוץ אין פוילן, ליטא און רייסן, וואס ער איז נישט מעלה [געמיינט דערמיט הרה"ק ר' שלמה קארלינער].

### א טפה העכער דער ערד

הרה"ק דער בעל התניא זצ"ל האט געזאגט אויף ר' שלמה קארלינער: "ער איז א טפח העכער פון דער ערד!"

### באקומען די פיש מיט רוח הקודש

ס'שטייט אין 'מאמר מרדכי' פון הרה"ק ר' מאטל סלאנימער זצ"ל, אז אמאל איז ר' שלמה קארלינער געזעסן ביים טיש פונעם גרויסן מגיד ביי של"ס, האט דער גרויסער מגיד גענומען א שטיקל פיש, און געגעבן פאר א איד וואס איז געזעסן נעבן ר' שלמה קארלינער. ר' שלמה קארלינער האט מרגיש געווען אז אין דעם שטיקל האט דער גרויסער מגיד ממשיך געווען רוח הקודש, האט ער זיך זייער געוואונדערט, וויאזוי האט יענער איד זוכה געווען צו אזא שטיקל.

דערווייל האט זיך דער איד אנגערופן צו ר' שלמה קארלינער, אז אזוויי ער ליידט פון די מחלה 'קדחת' רח"ל, און ער טאר נישט עסן קיין פיש, בעט ער אז ר' שלמה קארלינער זאל עס עסן אנשטאט אים.

האט ר' שלמה קארלינער אויסגעפירט: "האב איך געגעסן די פיש און ער איז געבליבן מיטן קדחת..."

### אליהו הנביא איז רגיל אצלו

ס'שטייט אין ספר 'קובץ אליהו' [דער מחבר האט געהייסן הרה"ג ר' חיים אלי' שטערנבערג ע"ה, ער איז געווען א סלונימער חסיד, און געווען א רב אין די העדה החרדית אין ירושלים], אז אמאל האט הרה"ק דער בארדיטשובער רב זצ"ל באפוילן זיין גבאי זאל אים רופן 'ר' שלמה בן יוטא' [ר' שלמה קארלינער].

דער גבאי איז געגאנגען זוכן און אים נישט געטראפן, ביז איינער איז אים געקומען זאגן אז ער קען עפעס א איד א מלמד וואס הייסט ר' שלמה, און ער וואוינט אין עפעס א קליינע כאטקע. איז דער גבאי צוגעגאנגען צו אים, און געזאגט אז דער בארדיטשובער רב רופט אים. האט אים ר' שלמה קארלינער געענטפערט אז ער גייט קומען אביסל שפעטער.

דער משמש האט זיך זייער געוואונדערט פארוואס ער קומט נישט גלייך. אפאר שעה שפעטער איז ער טאקע געקומען צום בארדיטשובער רב. ווען ער איז אריינגעקומען האט זיך דער בארדיטשובער רב אויפגעשטעלט פאר אים, און ער האט זיך אנגערופן 'ברוך הבא ר' שלמה'. ער האט אים צוגעגרייט א בענקל, זיי זענען געזעסן אפאר שעה, זייערע פנים'ער האבן געפלאמט, און זיי האבן גארנישט גערעדט צווישן זיך!

נאך אפאר שעה האבן זיך ביידע אויפגעשטעלט און האבן אנגעהויבן שטארק צו שמייכלען, דערנאך איז ר' שלמה קארלינער אהיימגעגאנגען.

שפעטער האט דער גבאי געפרעגט פונעם בארדיטשובער רב 'וואס איז דא פארגעגאנגען?' האט ער אים געענטפערט אזוי: אין הימל איז געווען א קטרוג אויף די אידן וואס וואוינען אין די דערפער ארום אונז, און אלע פריצים האבן זיך צאמגענומען און מחליט געווען אז מ'גייט צוזאמען ארויסגעבן א גזירת גירוש אויף די אידן און זיי פארטרייבן. איך האב זייער שטארק מפציר געווען אז מ'זאל מבטל זיין די גזירה, האט מען מיר געענטפערט מן השמים, אז ר' שלמה בן יוטא קען צוהעלפן מבטל זיין די גזירה, ווייל אליהו הנביא איז געוואוינט צו קומען צו אים.

אלס דעם האב איך אים גערופן, און ווען אונז ביידע זענען דא געזעסן, איז אונז באפאלן א גרויסער פחד, ווייל אונז האבן געזען אז די פריצים האבן זיך צאמגענומען, און מסכים געווען צו די שלעכטע עצה, און זיי האבן שוין געוואלט גוזר זיין די גזירת גירוש.

דער מנהג איז אבער ביי די פריצים, אז אפילו אויב נאר איינער פון די פריצים שטעלט זיך קעגן קען ער עס אפהאלטן. פלוצלינג איז אנגעקומען אליהו הנביא פארשטעלט ווי אן אלטער פריץ, און ער האט זיך אויך אוועקגעזעצט ביים טיש פון די אלע פריצים להבדיל. די פריצים האבן ארומגעשיקט דעם כתב הגזירה פון איין פריץ צום אנדערן, אז יעדער זאל חתמ'ענען דערויף. אזוויי די צעטל איז אנגעקומען צו אליהו הנביא, האט ער געזאגט אז ער וויל נישט חתמ'ענען דערויף. גלייך איז געווארן א פירוד לבבות צווישן זיי, און מ'האט צעריסן די גזירה.

האט דער בארדיטשובער רב געזאגט: אזוויי אונז האבן דאס געזען האבן אונז אנגעהויבן לאכן פון די פריצים שוטים, אז ס'קומט דא א פרעמדער פריץ וואס זיי קענען אפילו נישט, און ער האט מבטל געווען די גאנצע גזירה, איז דען דא א גרעסערע געלעכטער פון דעם?...

### נישט סובל געווען קיין מחשבות זרות

אמאל איז נעבן דעם שטוב פון ר' שלמה קארלינער געזעסן א יונגערמאן, און ער האט געטראכט מחשבות וואס טויגן נישט.

גלייך האט זיך דער יונגערמאן מיישב געווען: 'וואס טו איך דא? אין רבינ'ס שטוב טראכט איך אזעלכע זאכן? דער רבי זיצט דא דערנעבן, ער וועט זיכער מרגיש זיין די מחשבות...' נאכדעם האט דער יונגערמאן ווייטער געטראכט: 'דער אויבערשטער וויל דאך אויך נישט אז איך זאל טראכטן די זאכן, און אויב טראכט איך דאס סייווי, איז נישט קיין חילוק אז ס'איז ביים רבי'ן אין שטוב'.

יענע רגע איז ר' שלמה קארלינער ארויסגעקומען, צוגעגאנגען צום יונגערמאן און געזאגט: "דער אויבערשטער איז טאקע א כל יכול, קען ער סובל זיין, אבער איך קען נישט סובל זיין קיין מחשבות זרות..."

## שיחת חיות ועופות

זיינע דריי גרעסטע תלמידים זענען געווען הרה"ק ר' אשר סטאלינער זצ"ל, א זון פון זיין רבי ר' אהרן הגדול, וואס נאך די פטירה פון ר' אהרן הגדול האט אים ר' שלמה קארלינער ערצויגן. הרה"ק דער לעכאוויטשער זצ"ל, און הרה"ק דער סטרעליסקער זצ"ל.

דער לעכאוויטשער האט אמאל געזאגט אויף זיין רבי ר' שלמה קארלינער אז ער קען שיחות חיות ועופות, שיחות פון דיביימער, דקלים און מלאכי השרת, אלעס וואס חז"ל רעכענען אויס אויף ר' יוחנן בן זכאי האט ר' שלמה קארלינער געקענט!

אמאל איז געקומען א חשוב'ער איד צו ר' שלמה קארלינער און געבעטן, אז אזוויי דער רבי קען די שיחות חיות עופות און דקלים, זאל ער אים אויך אויסלערנען די חכמה. האט ר' שלמה געענטפערט, אז ער קען עס אים נישט אויסלערנען. און ער האט אים געזאגט: "פון וואו קען איך עס? איך האב תשובה געטון, און אויף תשובה שטייט דאך אז ס'איז מגעת עד כסא הכבוד, און אין די מרכבה פון דער כסא הכבוד איז דא די פני שור, פני נשר, און אלע חיות, פון דארט קען איך דאס"

## עוד היום גדול

אמאל שבת נאכמיטאג האט ר' שלמה קארלינער געדאווענט מנחה זייער שפעט. ער איז געווען דער בעל קורא, און ער האט אויסגערופן זיין זון ר' דוב זאל עולה זיין. ווען דער זון איז אנגעקומען צו דער תורה האט ער געזאגט: "טאטע, איך קען נישט זען, ס'איז זייער טונקל".

האט ר' שלמה קארלינער ארויסגענומען א שמאטע, אריבערגעפירט אויף די אויגן פונעם זון. גלייך איז אים געווארן ליכטיג, און ער האט עולה געווען אויף דער תורה.

## די שאלה און א ווארט אויף יענער וועלט

אין בית אהרן פון ר' אהרן קארלינער שטייט ביי פסח, אז ר' שלמה קארלינער האט געזאגט, וואס איז דער עיקר תכלית פונעם מענטש זיך צוצוגרייטן פון דער וועלט אויף יענער וועלט, אז ווען ער קומט ארויף אויבן, פרעגט מען אים אין הימל 'צו וועלכער רבי ער איז געפארן?'. און ווען ער זאגט צו וועלכער רבי ער איז געפארן, פרעגט מען אים צי ער קען עפעס נאכזאגן פון יענעם צדיק.

[אגב, הרה"ק ר' מרדכי'לע פון נאדבורנא האט געזאגט אמאל פאר זיינע תלמידים, אז זייט דער בעל שם הק' איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, איז צוגעקומען נאך א שאלה וואס מ'פרעגט פון יעדער מענטש: 'צי ער איז געפארן צו א רבי', און אויב יא זאגט מען אים ער זאל נאכזאגן א דבר תורה פונעם רבי'ן. האט ער גלייך געטייטשט א ווארט, און מ'האט פארשטאנען אז ער האט געמיינט מרמז צו זיין אז דער ווארט זאל מען געדענקען צו קענען איבערזאגן אויף יענער וועלט.

האט ער געזאגט אזוי: ס'שטייט ביי יוסף הצדיק 'וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקונים הוא לו'. איז שווער, יעקב אבינו, דער בחיר האבות, ער זאל ליב האבן א מוזיניקל? א גשמיות'דיגע אהבה?

נאר וואס דען, פשט אין פסוק איז אזוי, 'וישראל אהב את יוסף מכל בניו', פארוואס? 'כי בן', ער איז געווען אזא קינד, 'זקונים', וואס די מדריגות צו וואס יעקב אבינו איז אנגעקומען אין די עלטערע יארן, 'הוא לו', איז שוין יוסף יעצט געווען.]

## מדבר שקר תרחק

ס'שטייט אין 'עבודת פנים' פון א סלונימער חסיד, רבי אהרן יוסף לוריא ז"ל, אז ער האט נאכגעזאגט, אז ר' שלמה קארלינער האט אמאל געטייטשט: 'מדבר שקר תרחק' - פון איין דבר שקר ווערט מען ח"ו נתרחק פונעם אויבערשטן.

## תענוג פון שבת קודש

ס'שטייט אין תורת אבות, אז ר' שלמה קארלינער האט אמאל געזאגט: 'ווען די גרעסטע בעלי תאוה וואלטן געוואוסט וואספארא גרויסע תענוג צדיקים האבן פון יעדע מצוה, בפרט פון שבת קודש, וואלטן זיי אלעס אוועקגעווארפן און זיך גענומען צום שבת.

## מקיים געווען כל התורה כולה

ס'שטייט אויך אין מאמר מרדכי פון ר' מאטל סלונימער, אז אמאל אין די יונגע יארן, נאכפאר ר' שלמה קארלינער איז נתפרסם געווארן, איז ער אגאנצן טאג געזעסן אין ביהמ"ד על התורה ועל העבודה, און זיין הויז איז ממש געווען ליידיג פון עסן, מ'האט געהונגערט, און ס'איז געווען א געוואלדיגער דחקות אין שטוב.

אמאל איז א דאקטער דורכגעגאנגען די שטוב האט ער געזען דער מצב דארט, איז ער געווארן זייער אויפגערעגט אויף דעם, האט ער אפגעמאכט אז ער גייט אים שטראפן אויף דעם וואס ער לאזט הפקר זיין בני בית. איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד, און אזוויי ער איז אנגעקומען האט ער געזען זיין תורה און זיין עבודה, איז ער נהפך געווארן לאיש אחר. פון דעמאלס אן האט ער אנגעפאנגען צו געבן פאר די רביצין יעדן חודש פיר גאלדענע רענדלעך, אז זיי זאלן האבן וואס צו לעבן.

פאר דער דאקטער איז אוועק פון דער וועלט האט ער געבעטן אז מ'זאל מודיע זיין פאר ר' שלמה קארלינער וועגן זיין פטירה. מ'האט טאקע מודיע געווען פאר ר' שלמה, און ער איז געגאנגען צו דער לויה, און נאכגעגאנגען די מיטה ביז צום בית החיים.

ווען מ'האט אים געענדיגט באדעקן, האט ר' שלמה קארלינער גענומען א שטעקן, און עס אריינגעשטעקט אינעם קבר.

דער מלאך 'דומה' וואס איז ממונה אויף די נשמות המתים איז געקומען צו דער נשמה, אבער ער האט נישט געקענט צוקומען צום שטעקן. איז ער געגאנגען צו ר' שלמה קארלינער און געפרעגט 'פארוואס לאזטו מיר נישט צוקומען צו אים, ער דארף דאך אפגעבן א דין וחשבון פונקט אזוויי אלע נשמות, און דער נשמה האט געטון אסאך עבירות רח"ל?'

האט אים ר' שלמה קארלינער געענטפערט, אז ער זאל צוריקקומען אין דריי טעג ארום. די דריי טעג האט ר' שלמה קארלינער געפאסט, און ווען דער מלאך איז צוריקגעקומען האט אים ר' שלמה געענטפערט: 'אמת טאקע אז ער איז געווען א בעל עבירה, און ער האט עובר געווען רח"ל אויף כל התורה כולה, אבער ער האט מחזיק געווען און געשפייזט אזא איינעם וואס איז מקיים כל התורה כולה'.

האט דער מלאך געפרעגט: "פארוואס האב איך געדארפט ווארטן דריי טעג אויף דער תשובה?" האט ר' שלמה קארלינער געענטפערט: "איך האב געוואלט בודק זיין צי ס'איז טאקע ריכטיג אז איך בין מקיים כל התורה כולה".

## די עבודה קשה פון אריינברענגען יראת שמים

ס'שטייט אויך פון ר' מאטל סלונימער בשם ר' שלמה קארלינער בזה"ל: מ'קען זיין א מחיה המתים, א פוקד עקרות און א רופא חולים, אבער שווערער פון די אלע זאכן איז אריינברענגען יראת שמים אין א אידיש הארץ!

## מרגיש געווען 'שמחה'ס תורה'

ס'שטייט אין ספרן של צדיקים, אז רבי ירחמיאל משה קאזניצער זצ"ל האט דערציילט, אז בשעת דער בארדיטשובער רב איז געווען רב אינעם שטאט פינסק, איז געווען דארט א מתנגד וואס איז געווען א גרויסער למדן, ער האט געהייסן 'שמחה'. אמאל ווען דער בארדיטשובער רב איז געליגן אין בעט האט ער געלאזט רופן דעם ר' שמחה, און אים געהייסן פארזאגן 'אלפס' (רי"ף), ער האט טאקע אזוי געטון.

ווען דער מתנגד האט געענדיגט און שוין געוואלט אהיימגיין, האט אים דער בארדיטשובער רב צוגערופן און געזאגט: "זאלסט וויסן, אז תורה וואס איז נישט בדחילו ורחימו איז נישט נאר נישט מתקן, נאר ס'איז מקלקל אויך", חלילה.

דער ר' שמחה איז געווארן זייער אויפגערעגט, 'וואס וויל דער רבי פון אים...' ער איז געווען א מתנגד און נישט פארשטאנען צו קיין צדיקים, איז ער אוועקגעגאנגען אויפגערעגטערהייט.

שבת קודש איז אים איינגעפאלן, אז יעצט ביי של"ס איז דאך טונקל, און ווען קיינער זעט נישט וועט ער גיין צום טיש פון ר' שלמה קארלינער, ווייל פינסק און קארלין זענען ממש איינס נעבן דעם אנדערן, און ער וועט נאכקוקן ר' שלמה קארלינער צו זען וואס ער טוט ביי של"ש סעודות.

ער האט אזוי געטון, ווען ער איז אנגעקומען איז שוין געווען טונקל, און ר' שלמה קארלינער האט שוין געהאלטן אינמיטן טיש, און ער געזעסן מיט זיין חבריא קדישא. אזוויי ר' שמחה איז אנגעקומען האט זיך ר' שלמה קארלינער אנגערופן הויעך פאר א ווערטל: "בשלמא וואס מ'טרינקט פורים פארשטייט מען, וויבאלד דאס איז אויף די גרויסע נס וואס איז געשען, אבער פארוואס טרינקט מען שמחת תורה (דער מנהג איז געווען אז שמחת תורה פלעגט מען זיך אויך אנטרונקען), ס'איז דאך נישט געווען קיין נס דעמאלס? נאר דער תירוץ איז, אז מ'הערט אויס 'שמחה'ס תורה' וויאזוי זיין לערנען גייט, ווערט נישט גוט אויפן הארצן, ממילא טרינקט מען אז ס'זאל בעסער ווערן אויפן הארץ..."

ווען ר' שמחה האט דאס געהערט האט ער פארשטאנען, אז אפילו ער האט אים נישט געזען ביים אריינקומען, האט ער ברוח קדשו אים געמיינט. האט ער געזען אז סיי דער בארדיטשובער רב און סיי ר' שלמה קארלינער האבן צוגעטראפן צו די זעלבע זאך - שניהם נתנבאו בסגנון אחד, אז זיין תורה טויג נישט. דעמאלס איז ער נתקרב געווארן צו חסידים, און ער איז געפארן צום גרויסן מגיד.

## צוריקגעגעבן דעם קול פארן בעל תשובה

נאך האט דער קאזניצער רבי דערציילט, אז אמאל איז א חזן אויף וועמען מ'האט גערעדט אז ער זינגט זייער שיין, אנגעקומען אויף קארלין, און אויך ר' שלמה קארלינער איז געגאנגען הערן וויאזוי ער דאווענט. ער איז אנגעקומען אין ביהמ"ד בשעת דער חזן האט געזונגען 'מי שברך'.

אזוויי ר' שלמה קארלינער האט עס געהערט איז ער גלייך אוועקגעגאנגען. אזוויי ער איז אוועקגעגאנגען האט דער חזן פארלוירן דעם קול, ער האט נישט געקענט עפענען דאס מויל צו זינגען. האט ער געזאגט פאר זיין 'באַס' [אן אונטערברומער] אז ער זאל אונטערזינגען. האט דער באס געזאגט אז ער קען אויך נישט...

דער חזן איז איינגעשטאנען ביים פרנס החודש (אזוויי דער ראש הקהל), שבת ביי דער סעודה האט אים דער פרנס החודש מכבד געווען צו זינגען. אבער דער חזן קען נישט... דער פרנס החודש איז געווען א מתנגד, האט ער געזאגט פארן חזן אז דא אין ביהמ"ד איז געווען א רבי פון חסידים, און אז דו האסט פארלוירן דער קול האט ער עס מסתמא ערלעדיגט... האט דער פרנס געזאגט 'איך האב איין עצה, איך קען זייערע רבי'ס, ער האט ליב כבוד, לאמיר צוזאמען גיין צו זיין טיש, איך וועל געבן משקה פאר דיינעט וועגן, און אפשר דורכדעם וועט ער ווערן איבערגערעדט, און ער וועט דיר צוריקגעבן דעם קול...'

אזוי האבן זיי געטון, דער פרנס החודש, דער חזן, צוזאמען מיטן באַס, זענען געגאנגען צום טיש פון ר' שלמה קארלינער. דער פרנס החודש האט געשטעלט משקה, און געזאגט פאר ר' שלמה קארלינער: "די משקה געב איך פארן חזנ'ס וועגן, כדי דער רבי זאל אים צוריקגעבן דאס קול".

האט זיך ר' שלמה קארלינער אנגערופן צום פרנס: "וואס האב איך מיט אים, איך האב עס עפעס אוועקגענומען?" האט דער פרנס החודש אנגעהויבן שרייען: "וואס ווילט איר פון אים אז איר האט צוגענומען זיין פרנסה?" דער חזן אליין האט זיך אנגעפאנגען ארומקריגן מיט אים. האט זיך ר' שלמה קארלינער אנגערופן: "רשע, זיי זיך מודה..." דער חזן האט אבער נישט געוואלט, ער האט נאר געוויינט אז ער זאל אים צוריקגעבן דעם קול. האט ר' שלמה קארלינער זיך אנגערופן: "אדער גייט איר זיך אויף אייער וועג, אדער גיי איך אוועק פון טיש..."

ווען די חסידים האבן דאס געהערט זענען זיי צוגעגאנגען צום חזן און געפרעגט: "וואס ווילט איר דא, גייטס אייך לחיים ולשלום". מ'האט אים פארשיקט, און ער איז טאקע ארויס צוזאמען מיטן פרנס החודש.

דער באַס איז אבער יא געבליבן, און ער האט אנגעהויבן וויינען און געזאגט: "רבי, גיבט מיר א תשובה..." זעט זיך אויס אז ביידע האבן נישט געטויגט, און ער האט געוואלט באקומען א תשובה. האט אים ר' שלמה קארלינער געזאגט 'איך וויל נישט הערן די ווערטער אום שבת, נאך שבת וועט מען שוין זען'.

נאך די סעודה האט ער געוויינט מיט גרויסע בכיות אז ער זאל אים געבן א תשובה. נאך הבדלה האט ר' שלמה קארלינער צוגערופן דעם באַס און געפרעגט: "ווילסט תשובה טון אדער דו ווילסט איך זאל דיר צוריקגעבן דעם קול?" האט ער געענטפערט אז ער וויל תשובה טון, און ער האט זיך מתודה געווען און געוויינט. האט אים ר' שלמה קארלינער געזאגט: "דיין תשובה איז, אז דו וועסט לויפן פאר מיינע פערד און וואגן דריי וואכן..."

ר' שלמה קארלינער האט זיך געפירט אז יעדן טאג איז ער געפארן צוויי שעה צופרי, און צוויי שעה פארנאכטס. דער איד האט טאקע אזוי געטון, ער איז געלאפן פאר די פערד. איינמאל האט דער בעל עגלה געזען ווי ער שטרענגט זיך אזוי אן, האט ער רחמנות באקומען אויף אים, און האט געוואלט אפהאלטן אז די פערד זאלן נישט גיין אזוי שנעל. האט אים ר' שלמה קארלינער געזאגט: "וואס טוסטו, ביסט א בעל רחמנות? איך האב מער רחמנות!"

נאך וואס ער האט געענדיגט די דריי וואכן תשובה, האט ר' שלמה קארלינער געזאגט ביי א סעודה: "איך מיין אז ער קען שוין זינגען!" ער האט אים מכבד געווען מיט זמירות, און ער האט געהאט א הערליכע קול אזוויי פארדעם. דער חזן אבער האט פארלוירן זיין קול אויף אייביג, ער איז געווארן אן ארעמאן און ארומגעגאנגען בעטלן ביי די הייזער...

## א חפץ פון א צדיק

נאך האט דער קאזניצער רבי דערציילט, אז אמאל איז געווען א מענטש וואס אין זיין שטוב האבן זיך אריינגעכאפט די חיצונים רח"ל, און ער האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט זיי.

אמאל איז ר' שלמה קארלינער דורכגעפארן דעם שטאט, האט דער איד געבעטן אז דער רבי זאל אריינקומען צו אים אין שטוב. ער האט מסכים געווען און אריינגעקומען צו אים. דער איד האט געגעבן א קוויטל און א פדיון, און שטארק פארפירט אז די חיצונים קומען דא יעדע נאכט, זיי טאנצן און פארפירן, און ער האט שוין געטון אלע פעולות, אבער גארנישט העלפט נישט. ער האט שוין אויך אריינגעלייגט א ספר תורה אין שטוב, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

האט ר' שלמה קארלינער געהייסן פאר זיין משמש: נעם מיין שטעקן, און שטעל עס אוועק נעבן די פענסטער פון שטוב. דער משמש האט אזוי געטון, און בייננאכט האט מען געהערט קולות פון מחנות קומען אן, און אזוויי זיי זענען אנגעקומען צום פענסטער און געוואלט אריינגיין, האבן זיי נישט געקענט. האט מען געהערט ווי איינער רופט זיך אן: "פארוואס גייט מען נישט אריין?" האט זיך א צווייטער אנגערופן אז מ'קען נישט אריינגיין דא "ווייל דער שטעקן פונעם קארלינער שטייט דארט..."

איז געווארן צווישן זיי א גרויסער רעש, אז דער קעניג זייערער איז אויך אנגעקומען, און אויך פרובירט אריינצוגיין, אבער ער האט אויך נישט געקענט. האט זיך איינער אנגערופן: "אינטערעסאנט, ווען מ'האט אריינגעברענגט דארט א ספר תורה האבן אונז געקענט אריינגיין, אבער אז די שטעקן פונעם קארלינער ליגט דארט קענען אונז נישט אריינגיין?"

האט דער צווייטער געענטפערט: "וואס איז דער חידוש און די צושטעל? דער ספר תורה האט געשריבן א סופר וואס איז נישט געווען קיין ערליכער..."

צופרי האט ר' שלמה קארלינער געזאגט: "פון יעצט דארפסטו מער נישט מורא האבן, מער וועלן זיי נישט אהערקומען" כך הוה, דער איד איז פטור געווארן פון זיי און מער גארנישט געהערט.

## דער כח פון געבן שלום פאר א צדיק

נאך א מעשה דערציילט דער קאזניצער רבי, אמאל איז א איד פארכאפט געווארן ביי די חיצונים רח"ל, און אזוויי זיי האבן אים געברענגט צו זייער באזע, האבן אנדערע פון די חיצונים אנגעהויבן שרייען אויף די פארכאפערס: "מ'זאל זייער אכטונג געבן אויף אים, מ'זאל אים נישט אנרירן, מ'זאל אים שוין צוריקטראגן, ווייל ער באלאנגט צו ר' שלמה קארלינער, ממילא זאל זיך קיינער נישט דערוואגן אים צוצורירן". אזוי האבן זיי טאקע געטון, זיי האבן אים גלייך צוריקגעטראגן פון וואו ער איז געקומען אנדעם וואס איינער זאל אים מזיק זיין.

שפעטער האט דער איד דערציילט, אז ער ער איז נישט געווען קיין חסיד פון ר' שלמה קארלינער, ער איז קיינמאל נישט געפארן צו אים, ער האט אים נאר איינמאל געגעבן שלום, און פון דעם איינעם שלום געבן האבן שוין יענע חברה מורא געהאט אים צו טשעפן, ווייל ער הייסט שוין פון ר' שלמה קארלינער'ס מענטשן.

## צדיק הדור

אויך האט דער קאזניצער רבי דערציילט, אז אמאל זענען קארלינער חסידים געגאנגען אויפן וועג און האבן פארבלאנדזשעט. אינמיטן וואלד האבן זיי געזען מענטשן וואס זענען געווען שווארץ ווי פעך, זיי טראגן שווערע משאות פון האלץ, און נאך זיי גייען די פירערס וואס יאגן צו די מענטשן אז זיי זאלן גיין מיט אלע כוחות.

די חסידים האבן זיך זייער דערשראקן האבן זיי זיך אפגעשטעלט זען די פלא. האבן די שווארצע מענטשן געפרעגט פון די חסידים 'פון וואו קומט עטס?' האבן זיי געענטפערט אז זיי קומען פון פוילן. האבן זיי ווייטער געפרעגט: "ענק קענען ר' שלמה בן יוטא?" האבן זיי געזאגט: 'יא, אונז קענען אים, ער איז אונזער רבי'. האבן די שווארצע מענטשן אנגעהויבן וויינען, און געבעטן פון די קארלינער חסידים אז מ'זאל זיי מזכיר זיין ביי ר' שלמה קארלינער, אז זיי זענען שוין אויף יענער וועלט, און זיי בעטן אז מ'זאל שוין גרינגער מאכן זייער עונש, ווייל ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס זיי האבן דעם עונש רח"ל, זיי דארפן יעדן טאג טראגן די האלץ איבער די כוחות, און מיט די האלץ פארברענט מען זיי רח"ל, און די ממונים שלאגן זיי אן קיין רחמנות.

זיי האבן ווייטער געזאגט, אז זייער פראבלעם איז אז זיי געדענקען נישט זייערע נעמען, ווען זיי וואלטן עס געדענקט וואלט זיי גרינגער געווען דער עונש.

אויך די ממונים האבן געבעטן פון די חסידים אז זיי זאלן מזכיר זיין די נשמות פאר ר' שלמה קארלינער אז ער זאל זיי דערמאנען זייערע נעמען. און די ממונים האבן געזאגט: "אונז האבן אויך רחמנות אויף זיי, אבער אונז קענען זיי נישט דערמאנען זייערע נעמען, ווייל דאס איז א זאך וואס באלאנגט פארן צדיק הדור".

האבן די חסידים צוגעזאגט אז ווען זיי וועלן אנקומען צו זייער רבי וועלן זיי מזכיר זיין. גלייך האבן זיי געזען אז זיי זענען אויפן וועג צו זייער רבי. אזוויי זיי זענען אנגעקומען צו רבי שלמה און געעפנט די טיר, האט זיך ר' שלמה קארלינער אנגערופן: "איך האב זיי שוין א טובה געטון!"

## אויפגעהויבן זייער הויעך מיטן קדיש

ס'שטייט אין ספר שמע שלמה, אז פארן התגלות פון ר' שלמה קארלינער האט אים איינער געגעבן געלט, און ער האט געבעטן אז נאך זיין פטירה זאל ר' שלמה קארלינער זאגן קדיש אויף אים די גאנצע יאר. הגם דער איד האט געהאט קינדער, האט ער אבער פארשטאנען, אז ר' שלמה קארלינער איז א דערהויבענער איד, און אז ער וועט זאגן קדיש נאך אים וועט עס זיין א גרויסע טובה פאר זיין נשמה. ר' שלמה קארלינער האט אים מבטיח געווען.

אזוויי דער איד איז אוועק האט ער אנגעהויבן זאגן קדיש, נאך די ערשטע קדיש איז דער נפטר געקומען צו זיינע קינדער ממש בהקיץ, מיט א גרויסער בהלה, אז זיי זאלן שוין גיין צו ר' שלמה קארלינער בעטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים, און מער נישט זאגן קדיש פאר אים... ווייל מיט די ערשטע קדיש וואס ער האט געזאגט האט מען אזוי הויך מעלה געווען זיין נשמה, אז לויט זיין דרגא קען ער שוין נישט פארנעמען אזא הויכע פלאץ...

# זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658

עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865

צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com